# נבלה גדולה נעשתה בישראל

דעם לעצטען ערב שבת (פ' זכור) נאכ'ן זמן הדלקת הנרות, האבן די רשעים צוריסען דעם עירוב אויף מער פון 10 פלעצער אין די 60 און 61 סטריט'ס.

דאס איז געשען נאך ווי די משגיחים האבן בודק געווען דעם עירוב ארום גאנץ בארא פארק פאר'ן זמן כניסת השבת.

דער וועד העירוב מיט די אנגעגרייטע גויים האבן זיך תיכף גענומען אלעם צו פארריכטן. ווי מיר זענען אינפארמירט, וועט אי"ה להבא דער וועד העירוב צושטעלן שמירה אויף די דאזיגע פלעצער בעצם יום שב"ק, דורך געדינגענע גויים. ווי אויך ווערן גענומען אנדערע שריט, וואס דערוייל ווילן זיי נישט אנטפלעקן.

## "זכור את אשר עשה לך עמלק"

די היינטיגע עמלקים האבן געוואלט מכשיל זיין טויזענטער בארא פארק'ער איינוואוינער מיט חילול שבת ר"ל.

## "והוקע אותם נגד השמש"

נישט געווען וואס די אונזערע איינוואוינער האבן 40 יאהר געליטען פון די טעראר אקציעס פון משפחת הצדוקים, ווילן זיי זיך היינט אויך משתלט זיין אויף דעם גאנצן חשוב'ן ציבור פון בארא פארק. אונזער ענפער צו זיי, איז:

## "ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה" - נישט ביק'ן!

די עוולה וועט זיי נישט פארשוויגען ווערן. אזא מעשה נבלה איז נאך נישט גיהערט געווארן אין כלל ישראל, נישט אין ירושלים, און נישט אין בני ברק, אפשר נאר אין שושן הבירה, דורך המן הרשע וזרש אשתו מיט דלפון און ויזתא בימי אחשורוש.

## תושבי בארא פארק המוחים

על העזות והחוצפה הנוראה של מעשה הנבלה בשכונתינו